**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/27/2022

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז מער פון 6.3 מיליאן דאלאר איז דא צו שטיצן קורבנות סערוויסעס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען דאס שווערסטע באטראפן געווארן פון רעוואלווער פארברעכן**

***צוויי-יאריגע גרענטס וועלן ערלויבן זיבן פראגראמען אין ברוקלין, מאנהעטען און אלבאני, ערי און אָנאָנדאַגאַ קאונטיס צו פארברייטערן אנטי-רעוואלווער פארברעכן ארבעט און פארמערן סערוויסעס פאר קורבנות און פאמיליעס***

***נייע פינאנצירונג אנאנסירט אזוי ווי ניו יארק סטעיט צייכנט אפ נאציאנאלע פארברעכן קורבנות וואך***

***גאווערנער האקול גיבט ארויס [פראקלאמאציע](), ווייזט אן אז סטעיט וויכטיגע געביידעס זאלן באלאכטן ווערן אין בלוי, גרין און אראנדזש היינט נאכט צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון קורבנות'ס רעכטן און צוטריט צו גערעכטיגקייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 6.3 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וואס וועט ערלויבן זיבן פראגראמען אין ברוקלין און מאנהעטען און אלבאני, ערי און אָנאָנדאַגאַ קאונטיס צו פארברייטערן זייער אנטי-רעוואלווער פארברעכן ארבעט און פארמערן קריטישע סערוויסעס פאר קורבנות און פאמיליעס. פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון וויקטים סערוויסעס (New York State Office of Victim Services, OVS), וועלן די צוויי-יאריגע גרענטס פינאנצירן איינגעשטעלטע זיך צו פארבינדן מיט קורבנות און זייערע פאמיליעס, שטאב מיטגלידער וועלכע רופן זיך אפ צו קריזיסן, לייסענסירטע סאושעל ווארקערס און אנדערע איינגעשטעלטע, און אזוי אויך טרעינירונג, עקוויפמענט און עמערדזשענסי פינאנצירונג פאר וויכטיגע פראדוקטן ווי קליידונג, האוזינג און טראנספארטאציע אויסגאבן.

"ניו יארק וועט קיינמאל נישט מוותר זיין אויף איר פארפליכטונג צו פארזיכערן אז קורבנות פון רעוואלווער פארברעכן און אנדערע פארברעכנס קענען צוקומען צו סערוויסעס וואו אימער און ווען אימער זיי דארפן עס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר נעמען אונטער א ברייטע צוגאנג צו האנדלען מיט רעוואלווער פארברעכן בשעת'ן אויך זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון ראסע אדער הונטערגרונט, ווערן באהאנדלט מיט כבוד און רעספעקט. די פינאנצירונג וועט ערלויבן פראגראמען צו פארברייטערן זייער איינפלוס און באזארגן מענטשן און פאמיליעס מיט קריטישע הילף און שטיצע, אריינרעכנענדיג גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו אדרעסירן טראומע וואס קומט פונעם זיין אויסגעשטעלט פאר לענגערע צייטן צו קאמיוניטי פארברעכן."

גאווערנער האקול האט אנאנסירט די גרענטס און ארויסגעגעבן [א פראקלאמאציע]() באשטימנדיג די וואך אלץ נאציאנאלע פארברעכן קורבנות רעכטן וואך אין ניו יארק סטעיט. די גאווערנער האט אויך אנגעוויזן אז די פאלגנדע סטעיט סטרוקטורן זאלן באלאכטן ווערן אין בלוי, גרין און אראנדזש – די קאלירן וועלכע

זענען דעזיגנירט געווארן פאר די היי יאריגע נאציאנאלע באעהרונג – היינט נאכט, אפריל 27, צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון קורבנות'ס רעכטן און צוטריט צו גערעכטיגקייט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- דער לעיק פלאסיד אלימפישע שפרינגען קאמפלעקס
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

**אפיס פון וויקטים סערוויסעס דירעקטארין עליזאבעט קראָונין האט געזאגט,** "די OVS איז שטאלץ צו שטיצן די פראגראמען און די וויכטיגע ארבעט וואס זיי טוהען אין קאמיוניטיס וועלכע ספראווענען זיך מיט באדייטנדע העכערונגען אין רעוואלווער פארברעכן זינט די אנהויב פון די קאוויד פאנדעמיע. זיי טוהען זיך נישט נאר אפרופן באלד נאך א פארברעכן, נאר זיי שטעלן אויך צו לאנג-טערמיניגע שטיצע און סערוויסעס צו העלפן מענטשן און פאמיליעס זיך צוריק צו איינארדענען צום לעבן און זיך פאראויס רוקן נאך א טראומאטישע פאסירונג."

**סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) קאמישאנער ראָוסאנא ראָסאַדאָו האט געזאגט,** "מיר זענען פאר צו הערן קלאר און הויך פון קאמיוניטיס אז עס פעהלט אויס מער צו אדרעסירן די שרעקליכע ווירקונגען פון רעוואלווער פארברעכן. איך לויב מיינע קאלעגן ביי די אפיס פון וויקטים סערוויסעס פארן ארבעטן פון די נאענט מיט קאמיוניטי ארגאניזאציעס צו פארשנעלערן צוטריט צו די קריטישע פינאנצירונג פאר קורבנות פון פארברעכן. די גרענטס וועלן העלפן מער ניו יארקער, צושטעלן קריטישע רעסאָרסן פאר קאמיוניטיס און ערגענצן פראגראמען, אריינרעכענענדיג SNUG Street Outreach, וואס די DCJS שטיצט אויפן שטח. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע פירערשאפט צו פארמיידן און רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן און די באדייטנדע רעסאָרסן וואס זי האט פארזיכערט אין די לעצטנס דורכגעפירטע בודזשעט."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "איינס פון די בעסטע וועגן צו רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן איז דורכן פארמערן רעסאָרסן פאר ערפארענע לאקאלע ארגאניזירער און גרופעס וועלכע האבן די באציאונגען צו פארמיידן פארברעכן און צו אפשטילן סכנות'דיגע סיטואציעס. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די איבער 6 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער פאר קאמיוניטי פארברעכן אינטערווענץ (Community Violence Intervention, CVI) פראגראמען פון באפעלאו צו ברוקלין, צו העלפן אויסמיידן אינצידענטן פון רעוואלווער פארברעכן בעפאר זיי קומען פאר דורכן ווייזן פאר יונגע מענטשן אז עס זענען דא געלעגנהייטן פאר א בעסערע צוקונפט. ניו יארק איז פון לאנג געווען א פירער אין CVI, און די פראגראמען ווייזן ארויס איינמאל און נאכאמאל אז זיי זענען גאר ווירקזאם, און דערפאר וועל איך פארזעצן צו קעמפן צו פארמערן פינאנצירונג פאר די לעבנ'ס ראטעוונדע פראגראמען צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "אין לויף פון די פארגאנגענע יארן האבן מיר צוגעזעהן א באדויערנדע אויפשטייג אין פארברעכן אריבער אונזער לאנד און סטעיט. מיר מוזן טוהן מער צו באקעמפן רעוואלווער פארברעכן און צו שטיצן קורבנות און זייערע פאמיליעס, און דאס איז א וויכטיגע טריט אין די ריכטיגע ריכטונג. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו באקעמפן פארברעקכן און האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער."

**קאנגרעסמאן האקים דזשעפריס האט געזאגט,** "רעוואלווער פארברעכן דראעהט און אפעקטירט אונז אלע, באזונדערס אונזערע קינדער. עס וועט פאדערן פון אונז אלע צו ארבעטן צוזאמען צו ברענגען אן ענדע צו די טראגישע צרה, מאכן אונזערע געסער זיכערער און שטיצן די קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע ווערן באטראפן דורך אינדיווידואלע און געמיינזאמע טראומע. איך באדאנק גאווערנער האקול פאערן דעזיגנירן 6.3 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג, אריינרעכענענדיג 1.5 מיליאן דאלאר פאר Elite Learners און $980,000 פאר Kings Against Violence Initiative דא אין ברוקלין צו פארברייטערן אנטי-רעוואלווער פארברעכן פראגראמען און
צושטעלן גאר-נויטיגע שטיצע און סערוויסעס פאר קורבנות און פאמיליעס."

**סטעיט סענאטאר זעלנאר מיירי האט געזאגט,** "רעוואלווער פארברעכן איז א קאמפליצירטע פראבלעם אין נויט פוןברייטע לייזונגען. איך, צוזאמען מיט געוועזענע אסעמבלי מיטגלידערין און יעצטיגע דעפּיוטי ברוקלין באראו פרעזידענט, דייענע ריטשארדסאן, האבן אריינגעגעבן די קאמיוניטי פארברעכן אינטערווענץ געזעץ (Community Violence Intervention Act) וויבאלד פארברעכן פארמיידונג גרופעס האבן אן אויפגעוויזענע רעקארד פון אפשטעלן די רעדל פון פארברעכן בעפאר עס הויבט זיך אן און אדרעסירן די וויכטיגסטע באדערפענישן פון קורבנות, איבערלעבער און קאמיוניטיס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר די OVS פארן דאס גרינגער מאכן פאר גרופעס אין מיין דיסטריקט צו אפּלייען פאר און באקומען די נויטיגע פינאנצירונג וואס וועט זיי העלפן דינען מער מענטשן און פלאנירן פאר די צוקונפט. איך ערמוטיג די OVS צו פארזעצן צו זוכן וועגן צו פארזיכערן אז VOCA פינאנצירונג איז דא צום האנט פאר גרופעס וועלכע טוהען די קריטישע ארבעט אויפן שטח."

**אסעמבלי מיטגלידערין מייקעל סי. סאָלאַגעס האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער קעטי האקול און די טונקל-הויטיגע, פארטא ריקאנע, היספאנישע, אזיאנע לעגיסלאטיווע פאראיין (Black, Puerto Rican, Hispanic, Asian Legislative Caucus), האט ניו יארק געלייגט אלץ פריאריטעט צו נוצן א טראומע-באזירטע צוגאנג צו אדרעסירן אויפשטייגנדע פארברעכן אין אונזערע געגנטער. אפגעזעהן פון ווען און וואו פארברעכן קומט פאר, ווען פארמיידונג פאליסיס אונז ערמעגליכן צו רעדוצירן צוטריט צו אומלעגאלע וואפן און פארמערן די אלגעמיינע זיכערהייט פון איינוואוינער. פארזיכערן אנגייענדע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועט העלפן אדרעסירן די ווארצלען פון פארברעכן, פארבעסערן געזונטהייט עררייכונגען און אפשטעלן די רעדל פון שאדן אין באזייטיגטע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "עס זענען דא צופיל טייכן וועלכע פיטערן די ים פון רעוואלווער פארברעכן, און מיר מוזן זיי אלע פארשטאפן. די NYPD האט שוין אראפגענומען 2,300 רעוואלווער פון אונזערע געסער די יאר אליין, אבער אפילו איין איינצלנע רעוואלווער קען אנזייען א שרעקליכע מאס פון ווייטאג אויף ניו יארקער און מאכן נייע קורבנות פון רעוואלווער פארברעכן יעדן טאג. צוזאמען, אין צוזאמענארבעט מיט גאווערנער האקול און געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אויף די לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שטאפלען, ארבעטן מיר צו אפשטעלן די פלוס פון אומלעגאלע רעוואלווער אריין אין אונזער סיטי, און מיר אינוועסטירן אין שטיצע סערוויסעס פאר די קורבנות איבערגעלאזט אויפן וועג דורך רעוואלווער פארברעכן. איך באדאנק די גאווערנער פאר די היינטיגע פינאנצירונג אנאנס און פאר איר וויליגקייט צו צושטעלן די רעסאָרסן וועלכע זענען נויטיג צו שטיצן קורבנות פון רעוואלווער פארברעכן."

**אלבאני מעיאר קעי שיהען האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנגייענדע שטיצע פאר SNUG און פאר אנדערע איפגעווייזענע רעוואלווער פארברעכן פארמיידונג פראגראמען האט געהאלפן רעדוצירן שיסערייען מיט מער פון 30% אין 2021. איך לויב גאווערנער האקול פארן ארויסווייזן נאכאמאל אז גערעכטיגקייט און פובליק זיכערהייט קענען – און מוזן – גיין האנט ביי האנט צו האלטן אונזערע איינוואוינער זיכער."

**באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן שטיצן די געוואלדיגע ארבעט פון ECMC's SNUG פראגראם וואס האט ארויסגעוויזן א רעפוטאציע פון ווירקזאמערהייט נוצנדיג א טראומע-באזירטע צוגאנג זיך אפצוגעבן מיט די וועלכע האבן צוגעזעהן אדער געווען א קורבן פון רעוואלווער פארברעכן. זייער ארבעט העלפט אפשטעלן די רעדל פון פארברעכן וואס צושטערט מענטשן'ס לעבנס און מאכט חרוב געגנטער. די פארברעכן פארמיידונג באמיאונגען און היילנדע שריט זענען קריטישע באשטאנדטיילן פון אונזער סיטי'ס ברייטע סטראטעגיע וואס נוצט אויך ווירקזאמע געזעץ אינפארסירונג און שאפט נייע דזשאב געלעגנהייטן צו רעדוצירן די רעוואלווער פארברעכן וואס פייניגט סיטיס אריבער דאס לאנד."

**סירעקיוס מעיאר בען וואלש האט געזאגט,** "פארמערטע רעסאָרסן צוריק צו דרייען רעוואלווער פארברעכן איז געווען איינס פון די קריטישע פריאריטעטן וואס איך האב מיטגעטיילט מיט גאווערנער האקול'ס מאנשאפט ווען זיי האבן אנגעהויבן בויען די סטעיט בודזשעט. מיר האבן געבעטן פאר פינאנצירונג פאר מערערע יארן צו פארברייטערן אנטי-רעוואלווער פארברעכן פראגראמען און העלפן קורבנות און זייערע פאמיליעס. די צוויי יאריגע גרענטס פאר ארגאניזאציעס אויף די פארנט ליניעס אין סירעקיוס און קאונטיס ווייזט אז די גאווערנער האט זיך איינגעהערט און זיך אפגערופן. מיר דארפן יעדע רעסאָרס וואס איז נאר מעגליך צו איבערקומען רעוואלווער פארברעכן און ארויסהעלפן אונזערע קינדער, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס הילף פאר סירעקיוס."

די קאמיוניטי פארברעכן אינטערווענץ געזעץ (Community Violence Intervention Act) טיילט יערליך צו א טייל פון די סטעיט'ס פעדעראלע קורבנות פון פארברעכן געזעץ (Victims of Crime Act, VOCA) פינאנצירונג פאר פראגראמען וועלכע דינען קאמיוניטיס וועלכע ווערן די שווערסטע באטראפן פון רעוואלווער פארברעכן. די אינוועסטירונג בויט אויף די אפיס פון וויקטים סערוויסעס'ס שותפות מיט די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס וואס פינאנצירט סאושעל ווארקערס און קעיס מענעדזשערס ביי 12 סטעיט-געשטיצטע SNUG Street Outreach פראגראמען. די SNUG פראגראם באהאנדלט רעוואלווער פארברעכן אזוי ווי א פובליק געזונטהייט אנגעלעגנהייט דורכן אידענטיפיצירן די מקור דערפון, אפשטעלן די פארשפרייטונג און עס באהאנדלען דורכן ארבעטן מיט קאמיוניטיס און פארבינדן מענטשן מיט סערוויסעס און שטיצע.

גאווערנער האקול'ס פארלענגערונג פון עקזעקיוטיוו ארדער 211 האט ערלויבט די אפיס פון וויקטים סערוויסעס צו פארשנעלערן איר אפליקאציע פראצעדור און ארבעטן דירעקט מיט פראגראמען וועלכע זענען פאראינטערעסירט צו באקומען די פינאנצירונג. די פאלגנדע ארגאניזאציעס וועלן באקומען 6.36 מיליאן דאלאר אין לויף פון צוויי יאר:

- Living Redemption Youth Opportunity Hub (מאנהעטען): 1.95 מיליאן דאלאר
- Elite Learners (ברוקלין): 1.5 מיליאן דאלאר
- Kings Against Violence Initiative (ברוקלין): $980,000
- McMahon Ryan Child Advocacy Center (אָנאָנדאַגאַ): $670,000
- New Yorkers Against Gun Violence (מאנהעטען): $580,000
- Erie County Medical Center (ערי): $430,000
- Trinity Alliance (אלבאני): $250,000

אפיס פון וויקטים סערוויסעס איינגעשטעלטע זעצן פאר צו ארבעטן מיט אנדערע פראגראמען וועלכע זענען בארעכטיגט פאר קאמיוניטי פארברעכן אינטערווענץ געזעץ פינאנצירונג, און דער אגענטור איז פלאנירט צו פארטיילן נאך גרענטס. Living Redemption Youth Opportunity Hub, Elite Learners, Kings Against Violence Initiative און New Yorkers Against Gun Violence באקומען OVS גרענטס צום ערשטן מאל.

מיט די צוגעלייגטע פיר ארגאניזאציעס, פינאנצירט די OVS יעצט 232 קורבנות הילף פראגראמען איבערן סטעיט. נאך אינפארמאציע איבער די פראגראמען איז דא צו זעהן דורך די [OVS Resource Connect](OVS Resource Connect) (OVS רעסארס פארבינדונג), אן אנליין פלאטפארמע וואס איז גרינג צו נוצן וואס ערלויבט מענטשן צו טרעפן הילף דורכן זוכן פאר א ספעציפישע זארג אדער באדערפעניש, אדער לויט די זיפ קאָוד אדער לאקאציע. זינט עס איז געעפנט געווארן אין פרילינג 2021, האט די OVS Resource Connect געהאט א דורכשניט פון בערך 1,000 באניצער א חודש.

אין צוגאב צום פינאנצירן קורבנות הילף פראגראמען, שטעלט די אפיס פון וויקטים סערוויסעס צו א קריטישע פינאנציעלע זיכערהייט נעץ פאר מענטשן און/אדער זייערע פאמיליע מיטגלידער, העלפנדיג די וועלכע זענען בארעכטיגט מיט מעדיצינישע און קאונסעלינג אויסגאבן, לווייה און באגרעבעניש אויסגאבן, פארלוירענע געהאלטן און שטיצע, אין צוגאב צו נאך סארטן הילף.

אויף דעם אופן האט די OVS צוגעשטעלט מער פון 18 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר קורבנות פון פארברעכן און זייערע פאמיליעס אין 2021. ניו יארק איז די איינציגסטע סטעיט אין דאס לאנד וואס האט נישט קיין גרעניץ אויף פארגוטיגונג פאר מעדיצינישע בילס אדער קאונסעלינג, וואס מיינט אז מענטשן באקומען הילף פאר אזוי לאנג ווי זיי דארפן דאס. פינאנצירונג פאר פארברעכן קורבנות פארגוטיגונג ווערט אויפגעטריבן דורך קנסות, פיס און צוצאלונגען באצאלט דורך געוויסע מענטשן וועלכע ווערן באשולדיגט אין סטעיט און פעדעראלע געריכטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418